**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/21/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 21 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין די מיטל-האדסאן ראיאן אלס טייל פונעם שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY FORWARD פראגראמען

***21 פראיעקטן אנאנסירט אין פארט דזשערוויס, סליפי האלאו, קארנוואל און קארנוואל-און-האדסאן***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט'ס דעזיין זענען פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סך הכל פון 21 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר'ן מיטל-האדסאן ראיאן אלס טייל פון צוויי עקאנאמישע דעוועלאפמענט פראגראמען:די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward. א סך הכל פון ניין פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די סיטי פון פארט דזשערוויס, די רונדע 6 געווינער פון א 10 מיליאן דאלערדיגע DRI געלט באלוינונג; זיבן פראיקעטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די טאון פון קארנוואל און די ווילעדזש פון קארנוואל-און-האדסאן, א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מילאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג; און פינף פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די ווילעדזש פון סליפי האלאו, אויך א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מיליאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג.

"דורות פון ניו יארקער האבן מיטגעלעבט די היסטארישע און לעבהאפטיגע מיטל-האדסאן שטאט צענטערן, און מיר נעמען שריט צו באשיצן זייער צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרויסע אינוועסטירונגען וועלן אויפטרייבן עקאנאמישע אויפלעבונג פאר ביזנעסער און לאקאלע קאמיוניטיס און עפענען א פלאץ וואו פאמיליעס קענען בליען."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (DRI)**
די סיטי פון פארט דזשערוויס איז פראקלאמירט געווארן אלס דער מיטל-האדסאן ראיאן געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט צענטער איניציאטיוו אין 2023. די ניין אויסגעוועלטע פראיעקטן זוכן צו בויען אויף די שיינקייט און געלעגנהייטן פון די סצעניש דעלאווער ריווער און ארומיגע הויכע בערג און די שטאט צענטער'ס היסטארישע שיינקייט דורך עפענען א מערערע-דור און טעכנאלאגיש פארגעשריטענע שטאט צענטער וואס ווערט באדינט דורך פארשידענע מיטלען פון טראנספארטאציע, שפאצירבאר, עקאנאמיש פארשידנארטיג און פעסט קעגן די קלימאט.

נייע אינוועסטירונג צוזאמען מיט פארגאנגענע אינוועסטירונגען וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע פלאץ צו קענען אויפלעבן און גיבן נייע נוצן פאר היסטארישע געביידעס אין די שטאט צענטער און צו ארייננבויען נאך געביידעס אין צווישן די שטייענדע געביידעס צו גיבן וואוינונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען.

די DRI אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו צוריק אויפלעבן די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן דורכאויס דעם מיטל-האדסאן ראיאן. די DRI ווערט אנגעפירט

דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצרט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראטעגיעס וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, ווי צום ביישפיל דאס פארשטערקערן די שטאט'ס אייגנארטיגע געפיהל מיט אן אמת'ע, אויטענטישע ערפארונג וואס וועט אויפטרייבן צוקונפטיגע וואוקס פון זיך אליין און שטיצן אנטוויקלונג וואס נעמט יעדן אריין בשעת'ן ארומנעמען איר שטארקע העריטעדזש און אפשטאמיגע פארשידנארטיגקייט.

די סיטי פון פארט דזשערוויס שליסט זיך איין די קאמיוניטיס פון מידלטאון, קינגסטאן, ניו ראשעל, פיקסקיל, אסינינג, האוועסטריו, און ווייט פלעינס, וועלכע זענען געווען די מיטל-האדסאן ראיאן'ס געווינערס פאר די ערשטע זיבן DRI רונדעס.

די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

<u>**די ניין DRI פראיעקטן, וועלכע קומען אן צו 9.7 מיליאן דאלער, נעמען אריין:**</u>

**צוריק אויפלעבן ריווערסייד פארק דורך צולייגן נאך באקוועמליכקייטן פאר פארוויילונג און צו פארברענגען: $2,657,000**
די פראיעקט שלאגט פאר צו שענער מאכן ריווערסייד פארק דורך צוריק אויפבויען די וואסער טורעם צו ענטהלאטן א "ברוכים הבאים צו פארט דזשערוויס" שילד, אנטוויקלען א נייע פעוויליאן, אן איינשליסליכע שפיל-פלאץ, א באלעמער און פלאץ פאר פארשטעלונגען, פיקעלבאל קאורטס, א באסקעטבאל קאורט, א סקעיט פארק און א קליינע גאלף קאורס.

**אוועקשטעלן א געמישטע-באנוץ וואוינונגס און קאמערשעל געביידע אויף 103 דזשערסי אווניו: $2,000,000**
די פראיעקט וועט אויפבויען א געמישטע-באנוץ וואוינונגס געביידע אויף א שוואך-באנוצטע פארקינג לאט אויף דזשערסי אווניו צו פארמאגן פעסטקייט מיטלען און וואוינונגס דירות פאר צוגענגליכע פרייזן.

**אנטוויקלען א געמישטע-באנוץ וואוינונגס און קאמערשעל געביידע אויף 29 פראנט סטריט: $1,500,000**
די פראיעקט וועט אויפבויען א נייע געמישטע-באנוץ געביידע פון דירות מיט געשעפטן אויפ'ן ערשטן שטאק געבויעט אין א וועג וואס וועט אריינפאסן מיט די כאראקטאר פונעם פארט דזשערוויס שטאט צענטער.

**איבערבויען אויבערשטע שטאקן פון 46 פראנט סטריט צו ווערן קאמערשעל און וואוינונגס ערטער: $707,000**
די פראיעקט נעמט אריין צו איבערבויען די ליידיגע צווייטע און דריטע שטאק פון 46 פראנט סטריט פאר קאמערשעל באנוץ און פאר דירות. פארבעסערונגען וועלן אויך אריינגעמען אפגרעידס אויפ'ן דאך און אינסטאלירן א פייער עסקעיפ.

**איבערטויישן 22 דזשערסי אווניו צו ווערן א מערערע-באנוץ קריאטיווע פלאץ מיט געשעפטן, סטודיאו און פארשטעלונג פלאץ: $522,000**

די פראיעקט וועט ארייננעמען צו איבערבויען די ערשטע און צווייטע שטאק צו צושטעלן פלאץ צו ארבעטן צוזאמען, סטודיאוס און פארשטעלונג, גאלעריע, געשעפטן און קאווע הויז פלאץ אינאיינעם מיט פייער באשיצונג פארבעסערונגען פאר די גאנצע געביידע.

**פארערכטן די היסטארישע קראוס בילדער געשעפט געביידע, עפענענדיג נייע קאמערשעל און וואוינונגס פלאץ: $300,000**
די פראיעקט שלאגט פאר צו פארערכטן א ליידיגע געביידע צו ארייננעמען דירות אויף די צווייטע און דריטע שטאק און א קאמערשעל פלאץ אויף די ערשטע שטאק.

**פארבעסערן די גאסן לענגאויס דזשערסי אוועניו: $1,064,000**
די פראיעקט וועט פארבעסערן די גאסן לענגאויס דזשערסי אוועניו, צושטעלן צוגענגליכקייט און טרעפיק בארואיגונג פארבעסערונגען, נאך באקוועמליכקייט פאר פיסגייער און ביציקל-רייזנדער און נייע גאסן באקוועמליכקייטן.

**עפענען א קליינע פראיעקט פאנד צו פארערכטן דרויסנדיגע ווענט, העכערע שטאקן און ערטער אינעם פארט דזשערוויס שטאט צענטער: $600,000**
א קליינע פראיעקטן פאנד וועט ערלויבן פאר א סעריע פון קליינע שטאט צענטער פראיעקטן, אזויווי פארערכטן דרויסנדיגע ווענט, געביידע פארערכטונג פארבעסערונגען פאר קאמערשעל אדער געמישטע-באנוץ פלעצער, העכערע שטאקן פארבעסערונגען און איינקויפן שטאנדהאפטיגע געצייג.

**איינפירן אין פארט דזשערוויס שטאט צענטער א פלאץ-אנטוויקלונג פראגראם מיט מארקעטינג, ברענדינג, און פארבעסערונגען פאר'ן פובליק: $350,000**
די פראיעקט וועט איינפירן א פלאץ-אנטוויקלונג פראגראם פאר פארט דזשערוויס צו ארייננעמען מארקעטינג, ברענדינג, דיגיטאלע מידיע, שילדן צו טרעפן וועגן און פארבעסערונגען פאר'ן פובליק.

**NY Forward**
ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע "אומר ועושה" סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. NY Forward אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו צוריק אויפלעבן די עקאנאמיע און שאפן מער גלעגנהייטן דורכאויס דעם מיטל-האדסאן ראיאן.

די טאון פון קארנוואל און ווילעדזש פון קארנוואל-אן-האדסאן (קארנוואל), און די ווילעדזש פון סליפי האלאו זענען די ערשטע מיטל-האדסאן קאמיוניטיס צו באקומען די געלטער דורך רונדע 1 פון די NY Forward פראגראם.

די פראיעקטן צו ווערן באצאלט דורך קארנוואל'ס NY Forward וועט אויבן אויף די טאון'ס און ווילעדזש'ס אקטיווע שטאט צענטער קאמערשעל דיסטריקטן, גענצליך צוזאמברענגען אייגנארטיגע קולטוראלע פארוויילונגס ערטער, היסטארישע ערטער, נאטורליכע און סצענישע ערטער, פאמיליע-פריינטליכע באקוועמליכקייטן און פארוויילונגס אקטיוויטעטן און אינעם זעלבן צייט אויך אנהאלטן די נאטורליכע און היסטארישע ערטער וועלכע שטרייכן אונטער די שיינקייט פון האדסאן וואלי און צושטעלן פארבינדונגען צווישן די שטאט צענטערן, די האדסאן ריווער און ראיאנישע פארוויילונגס ערטער.

<u>**די זיבן קארוואל NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**</u>

**באהעפטן קארנוואל'ס שטאט צענטערן דורך א פאלינעיטער פארבינדענע וועג: $1,133,000**
פאררעכטן סיידוואלקס און קראסוואלקס און צולייגן פובליק קונסטווערק, אייניגע דרויסנדיגע מעבל, א פובליק טוילעט, ביימער און פאלינעיטער פלאנצונגען אויף די גאסן צו שטיצן א גענצליך צוגענגליכע, באקוועמע און זיכערע פיסגייער באהעפטער פון די מעדיצינישע גרופע ביי מאנטיפיארי סט. לוק'ס (Medical Group at Montefiore St. Luke) קארנוואל דורך סיי די טאון און ווילעדזש שטאט צענטערן.

**איבערבויען די היסטארישע סטארם קינג טיאטער אויף 2 איידלווײלד אוועניו צו זיין א מערערע-צוועק טיאטער פלאץ: $773,000**
פארבעסערן די היסטארישע סטארם קינג טיאטער געביידע דורך איבערטוישן צוויי באזונדערע אינערווייניגע ערטער צו ווערן א שווארצע קעסטל טיאטער צו דינען אלס א קאמיוניטי-געאייגנטע פלאץ און אן עקסטערע זיצן און עסן טיאטער וואס וואלט געווארן פאראייניגט מיט אן עקזיסטירנדע רעסטוראנט.

**איבערטוישן ריווערלייט פארק צו ווערן אן איינשליסליכע פובליק פארק: $783,000**
פארבעסערן ריווערלייט פארק מיט נייע צוגאבעס אזוויי אן ADA-אויספאלג וועג צו שפאצירן מיט א געשיכטע שפאציר ארום רינג'ס וואסער, ADA-אויספאלג טוילעטס, אן איינשליסליכע שפיל-פלאץ און א נייע סקעיט פארק. אנדערע פראיעקט עלעמענטן נעמען אריין אפלויף מיט רעגן גארטענעס, איבערבויען די אייזהויז צו ווערן גענוצט פאר א פובליק פעוויליאן און איבערבויען סענדס רינג האומסטעד מוזעאם.

**אנהאלטן היסטארישע געביידעס ביי די דאנאהו פארעם צו בעסער מאכן פראגראמען און אקטיוויטעטן: $649,000**
אנהאלטן די דרויסנדיגע טייל פון די דאנאהו פארעם שטאל און איבערבויען די אייזהויז צו ארייננעמען פובליק פראגראמען. נאך פארבעסערונגען נעמען אריין דאס אויפבוי פון נייע טוילעטס און א באזוכער קיאסק צו שטיצן פובליק באנוץ פונעם ארט.

**אויפבויען א וועג צו שפאצירן לענגאויס דאק היל ראוד צו באהעפטן די וואסער בארטן צו דאנאהו פארעם און די שטאט צענטער: $480,000**
אויפבויען א 2,500 פיסיגע וועג צו ערלויבן פאר א זיכערע וועג פאר פיסגייער צו באהעפטן צווישן די שטאט צענטער, דאנאהו פארעם און וואסער בארטן, אריינגערעכנט 900 פיס פון יעצטיגע וועג צו ווערן איבערגעמאכט. פראיעקט נעמט אריין נייע סיידוואלקס, צוברעקלטע שטיינער וועג, און אפלויף פארבעסערונגען.

**אוועקשטעלן א קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן לאקאלע ביזנעסער: 300,000**
אוועקשטעלן א קליינע פראיעקט פאנד צו צושטעלן פאר די ביזנעס קאמיוניטי מיט ריסאורסן צו ווייטער פארבעסערן די עקאנאמישע לעבהאפטיגקייט פון שטאט צענטער קארנוואל. פראיעקטן קענען ארייננרעכענען פארבעסערונגען פאר דרויסנדיגע ווענט, אינערווייניגע פארבעסערונגען וואס ערלויבן פאר ביזנעס אויסברייטערונג , און אנדערע קאפיטעל פארבעסערונג פראיעקטן.

**אוועקשטעלן און איינפירן א ברענדינג, מארקעטינג, און וועג-טרעפן סטראטעגיע: $382,000**
פארבעסערן די שיינקייט פון קארוואל שטאט צענטער און ציען נייע איינוואוינער, ביזנעסער און באזוכער צו קארוואל שטאט צענטער דורך אוועקשטעלן קארוואל'ס ברענד, אנטוויקלען א מארקעטינג סטראטעגיע, און אינסטאלירן וועג-טרעפן שילדן.

די פראיעקטן צו ווערן באצאלט דורך סליפי האלאו'ס NY Forward וועט ערמעגליכן א לעבהאפטיגע, באקוועמע און צוגענגליכע קאמיוניטי וואס פייערט איר קולטוראלע פארשידנארטיגקייט און שטעלט פאר

א ביישפיל פון פעסטע וואוינונג דורך פארבינדן די שטאט צענטער און ארומיגע געגנטער, אדרעסירן די נויט פאר א סעריע פון סארט האוזינג, שטיצן איינשליסליכע עקאנאמישע דעוועלאפמענט און צייגן די ווילעדזש'ס נאטורליכע שיינקייט איבער אירע אפענע ערטער.

**<u>די פינף סליפי האלאו NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:</u>**

**איבערטוישן די סטרענד טיאטער צו ווערן א קאמיוניטי קונסטווערק און קולטור צענטער: $1,500,000**
איבערבויען די סטרענד טיאטער צו ווערן א מערערע-צוועקן צענטער צו צייגן א ברייטע פארנעם פון פארשטעלער און קונסטלער. די טיאטער וועט צייגן סטודיאו פלאץ פאר לאקאלע קונסטלער אדער קונסטווערק גרופעס, א גאלעריע און די צוקונפטיגע סליפי האלאו באזוכער צענטער.

**עפענען "פלאזא נועווא" און איבערמאכן די פארק ביי מאורס שולע: $1,000,000**
איבערבויען די פארק ביי מאורס שולע צו אנטוויקלען א ציל און א ווערדפולע ריסאורס פאר די קאמיוניטי, אריינגערעכנט נייע שפיל געצייג און נייע פלאץ צו זיצן.

**פארבעסערן די גאסן לענגאויס קארטלאנדט סטריט: $1,200,000**
צוריקבויען גאסן לענגאויס קארטלאנדט סטריט מיט נייע סיידוואלקס און קראסוואלקס, אפלויף פארבעסערונגען, ביימער, לעקטער, נייע דרויסנדיגע מעבל און פיר עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס.

**אויפבויען הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אויף 100 קאלעדזש אוועניו: $500,000**
אנטוויקלען שוואך-באנוצטע פראפערטי אויף 100 קאלעדזש אוועניו מיט א טראספארטאציע-געאייגנטע געמישטע-באנוץ האוזינג דעוועלאפמענט פאר צוגענגליכע פרייזן.

**אריינלייגן אין קראפט א דרויסנדיגע ווענט פארבעסערונג פאנד: $300,000**
אוועקשטעלן א דרויסנדיגע ווענט פארבעסערונג פאנד וואס וועט ערמעגליכן ביזנעסער און פראפערטי אייגנטומער צו פארבעסערן די שיינקייט פונדרויסן זייערע געביידעס לויט די שטאט צענטער סליפי האלאו דרויסנדיגע ווענט איבערבויאונג דעזיין סטאנדארטן.

**עקטינג ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ברענדאן סי. יוגהעס האט געזאגט,** "די סטעיט'ס שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראמען בלאזן אריין נייע לעבן אין קאמיוניטיס איבער די גאנצע סטעיט. דורך די פראגראם, האבן פארט דזשערוויס, סליפי האלאו און קארנוואל אלע אידענטיפיצירט א רייע פון טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע זענען געבויעט אויף די נאטורליכע שיינקייט און עקזיסטירנדע היסטארישע פארמעגן אין זייערע קאמיוניטיס צו אנטוויקלען מער פארוויילונגס, וואוינונגס און ביזנעס געלעגנהייטן פאר איינוואוינער. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די קאמיוניטיס צו העלפן זייערע פלענער ווערן א ווירקליכקייט."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ענן וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די אינוועסטירונגען אין פארט דזשערוויס, קארנוואל, קארנוואל-אן-האדסאן, און סליפי האלאו צייגן אז ניו יארק איז פארפליכטעט צו אויפבויען קאמיוניטיס אז פאמיליעס זאלן קענען בליען. די 19 מיליאן דאלער אין געלטער וועט הייבן וואוינונגס געלעגנהייטן, אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס, פארבעסערן פארוויילונגס, און מאכן די מיטל-האדסאן און דעלאווער ריווער וואלי ראיאנען מער ציענד פאר פאמיליעס היינט און אינעם צוקונפט. א דאנק גאווערנער האקול און אונזערע מיטארבעטער אין די רעגירונג, מאכט די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward א טויש פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקאופיס האט געזאגט,** "די פארענדיגטע DRI און NY Forward פראיעקטן וועלן ארויפבויען אויף וואס די לעבהאפטיגע, היסטארישע פלעצער האבן שוין צוזשטעלן, און זיי מאכן מער צוגענגליך, פעסט, און עקאנאמיש שטארק פאר א לענגערע צייט. קאמיוניטי אנטיילנעמונג אין פלאנירן די אינציאטיוון איז געווען א הויפט טרייבער פאר פארט דזשערוויס, קארנוואל, און קארנוואל-אן-האדסאן, און מיט די סארט אנטיילנעמונג, וועט עקאנאמישע אנטוויקלונג ריכטיגע פארבעסערן די קאמיוניטיס. איך דאנק די גאווערנער פאר איר מיטארבעט אין די וויכטיגע אינציאטיוו."

**אסעמבלימיטגליד קריסטאפער וו. אישוס האט געזאגט,** "קארנוואל איז א טאון מיט א לעבהאפטיגע און שטייגנדע שטאט צענטער דיסטריקט. יעצט, א דאנק די אינוועסטירונג פון די סטעיט, האט די טאון א געלעגנהייט צו באהעפטן איר אייגנארטיגע קולטורעלע צוגעהערן מיט די נאטורליכע שיינקייט פון די האדסאן. די ערשטע רונדע פון די NY Forward פראגראם וועט מאכן ברייטע אינוועסטירונגען אין פארקס, אינפראסטרוקטור, און קליינע ביזנעסער אין די טאון פון קארנוואל און ווילעדזש פון קארנוואל-אן-האדסאן. איינוואוינער און באזוכער צוגלייך וועלן האבן א געלעגנהייט צו פולקאם געניסן פון אן אויפגעלעבטע קארנוואל - צי עס איז ביי די איבערגעבויעטע סטארם קינג טיאטער, א נייע פובליק פארק, אדער די פאלינעיטער שפאציר וועג וואס וועט באהעפטן די טאון מיט די ווילעדזש שטאט צענטערן. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט פאר די קריטישע אינוועסטירונגען, און לאדען איין אלע צו קומען באזוכן די האדסאן וואלי צו זען אונזער אייגנארטיגע שיינקייט ערשטהאנטיג."

**אסעמבלימיטגליד קארל בראבאנעק האט געזאגט,** "די נייע אינוועסטירונג פראיעקטן באשטעטיגט און רוקנדיג זיך פאראויס זענען באשטימט צו צושטעלן א גענצליכע אויפלעבונג פון אונזער וואוינונגס ערטער, און איך וואלט נישט געקענט זיין מער צופרידן צו הערן וועלכע ארבעט וועט ווערן דורכגעפירט. פון צוריק אויפלעבן גאסן און געשעפטן צו וואסער ברעג און היסטארישע ערטער אפהיטונג, זענען מיר פארזיכערט צו זען א איבערטויש וואס קומענדיגע דורות וועלן געניסן פון. אינאיינעם מיט די גאווערנער'ס אפיס, וויל איך קאנגראטולירן די קאמיוניטיס פון די האדסאן וואלי, און איך קוקט ארויס מיט באגייסטערונג צו זען דאס פארענדיגונג פון די פראיעקטן!"

**קארנוואל טאון סופערוויייזער דזשאש וואדזשעהאוסקי האט געזאגט,** "אונזער קאמיוניטי פריידט זיך צו זיך פאראויס רוקן מיט די טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן העלפן די טאון פון קארנוואל און ווילעדזש פון קארנוואל-אן-האדסאן ערגרייכן איר ציל פון בעסערע באהעפטונג מיטביידע שטאט צענטער געגנטער, געניסן פון אונזער הערליכע שיינקייט, דרויסנדיגע פארוויילונגס געלעגנהייטן און וויכטיגע טוריסם ווערדן אזוויי סטארם קינג קונסטווערק צענטער, וועסט פוינט מיליטערישע אקאדעמיע און בלעק ראק וואלד צו באשיינען אונזער לאקאלע קאמיוניטי און פארמערן די לעבהאפטיגקייט פון ביידע שטאט צענטער געגנטער. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און איר גרופע פאר'ן אונז אויסוועלן אין רונדע 1 פון די NY Forward גרענט פראצעדור און גלויבן אין אונזער פלאן פאר'ן צוקונפט. די לאקאלע פלאנירונג קאמיטע און קאנסולטענטס האבם שווער געארבעט אויף די פראצעדור אין 2023 און מיר זענען ארויסגעקומען מיט געוואלדיגע רעזולטאטן."

DRI און NY Forward קאמיוניטיס זענען אויפגעקומען מיט סטראטעגישע איינפירונג פלענער (Strategic Implementation Plan, SIP) וואס שטעלט אוועק א חזון פאר די צוקונפט פון זייער שטאט-צענטער און אידענטיפיצירט און רעקאמענדירט א שורה פון ערגענצנדע, טראנספארמאטיווע און אויספירבארע פראיעקטן וואס שטיצן דעם חזון. די SIP'ס זענען געפירט דורך די לאקאלע פלאנירונג קאמיטע (LPC) וואס באשטייט פון לאקאלע און ראיאנישע פירער, סטעיקהאלטער, און קאמיוניטי פארשטייערן, מיט די הילף פון איינעם זיך צו בארטן און DOS שטאב, אלע פון די וועלכע פירן אן ווייטע קאמיוניטי גרייכונג און פארבינדונג ווען זיי באשליסן אויף פראיעקטן.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward זענען צענטראלע עלעמענטן פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. NY Forward איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2022 צו אויפלעבן קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט—מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal), און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority)—איז די DRI און NY Forward א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג.ביידע פראגראמען שאפן א וויכטיגע שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס באררייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטארקט קוואליטעט פון לעבן, פארשפרייט געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג, און עררייכט די סטעיט'ס שטארקע קלימאט צילן.

אין די ערשטע זיבן רונדעס פון די DRI האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אין די ערשטע צוויי רונדעס פון די NY Forward האט די סטעיט פארשפראכן 200 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 43 קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן.

מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג דאס יאר פון נאך 100 מיליאן דאלער באזונדער פאר די שטאט צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward, האט די סטעיט יעצט אינוועסטירט א פאראייניגטע סומע פון 1.2 ביליאן דאלער אין ביידע פראגראמען זייט די אנהויב דערפון, סערווירנדיג 124 קאמיוניטיס אלעס צוזאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן